SOUVENIR

# דער מענש
# און דאס געלד

# אמעריקאנער
## וועג-ווייזער
### פאַר עמיגראַנטען

סאוועניר

# אַ מתנה
## צו מיינע פריינד

571

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

1882 | 1910

# אמעריקאנער

# וועג־ווייזער

## פאר עמיגראנטען

און

# דער מענש און דאס געלד

אלע נייטיגע ידיעות וואס זיינען נוגע עמיגראנטען נאך אמע־
ריקא און זייערע אינטערעסען אין דער נייער וועלט.

ארויסגעגעבען פון

## באנקיער מאקס קאברע

צום חנוכת הבית פון זיין נייע
באנק־בילדינג
41 קאנעל סטריט, נויארק

1910 | 1882

גאלדמאן און שטיינבערג, 24-26 וועגדאוואטער סט., ניו־יארק.

# אינהאלטס־פערצייכניס:


| | |
|---|---|
| מר. מאַקס קאָברע, באַנקיער. | זייטע 3 |
| די נייע היים פון מאַקס קאָברע'ס באַנק | " 4 |
| מאַקס קאָברע'ס באַנק אין ברוקלין | " 5 |
| מאַקס קאָברע'ס באַנק אין בראָנזוויל | " 6 |
| פאָרוואָרט. | " 7 |
| אימיגראַציאָנס־געזעצע אין די פעראייניגטע שטאַאטען | " 11 |
| אינפאָרמאַציאָנען, כללים און עצות: | |
| א. פאַר'ן אָבפאָהרען אין וועג און ביים אָנקומען | " 13 |
| ב. וועגען באַגאַזש און באַהן־בילעטען | " 16 |
| ג. פאַר די וואס פאָהרען נאָך אמעריקא דורך קענעדע | " 16 |
| ד. פאַר די וואָס פאָהרען איבער מעקסיקא | " 20 |
| ה. וועגען פערהאַלטענע אימיגראַנטען | " 20 |
| ו. וועגען אויסגעשלאָסענע אימיגראַנטען | " 22 |
| ז. פאַר קרובים און פריינדע פון אימיגראַנטען | " 24 |
| ח. פאַר פריינעלאָזענע אימיגראַנטען | " 26 |
| איינוואָהנער פון לאַנד וועלכע קענען צוריקגעשיקט ווערען | " 28 |
| נויטיגע אדרעסען פאַר אימיגראַנטען | " 29 |
| אמעריקאַנישעס געלד | " 31 |
| פאַסט־אַנגעלעגענהייטען | " 32 |
| פרייזען פון טעלעגראַמען נאָך פערשיעדענע לענדער | " 34 |
| פרייזען פון באַהן־בעלעטען פון ניו־יאָרק נאָך פערשיעדענע שטעדט אין אַמעריקא. | " 35 |
| **דער מענש און דאָס געלד.** | |
| סייווינג | " 40 |
| טשעק אקאונטס | " 43 |
| שיפס־און באַהן־טיקעטס, מאָני־אָרדערס און געלד־זענדונגען | " 43 |
| א וואָרט צו סאָסייעטיס | " 46 |
| בילדונגס־געזעצע | " 49 |
| דער ענגלישער לעהרער | " 52 |
| נעמען פון אַמעריקאַנער שטאַאטען | " 62 |



באנקיער מאקס קאברע.




די נייע היים פון מאקס קאברע'ס באנק
41 קאַנעל סטריט, ניו־יאָרק.




מאקס קאבּרע'ס בּאנק אין בּרוקלין
81 גרענד סטריט, ברוקלין.




מאקס קאברע'ס באנק אין בראנזוויל
1779 פיטקין עווענױ, בראַנזוויל.

# פארווארט.

דער נאָמען מאַקס קאָברע איז אייך גוט בעקאנט. איך דארף זיך ניט אָבשטעלען אייך צו ערקלעהרען ווער און וואָס איך בין. שוין 28 יאהר אז איך בין דער אייגענטהימער און דער פיהרער פון איינע פון די גרעסטע בײנקינג־און פאסאזש ביזנעס אין דער שטאָדט נויאָרק.

איך גלויב, אז עס וועט ניט זיין אויף א האָאר איבערטריבען, ווען איך וועל בעהויפטען, אז עס איז ניטאָ אין גאנצען שטאָדט קיין איינציגע אידישע הויז, וואו עס זאל זיך ניט געפינען איינער אָדער איניגע, וואס טהוען זייער בײנקינג און פאסאזש ביזנעס מיט מיין באַנק.

מיט גרויס שטאָלץ און מיט אינערליכע פרייד קען איך זאָגען פאַר דער גאנצער וועלט, פריי און אָפען, אז יעדער איינער וואָס האָט אין די 28 יאָהר פון מיין ביזנעס־טהעטיגקייט בעטראָכטען מיין שוועל איז ארויס צופריעדען. יעדער איינער וואס איז אריינגעקומען צו מיר אלס קאָסטאָמער, איז ענדליך געווארען א פריינד צו מיר און צו מיין באַנק, ווייל יעדער דעפארטמענט אין מיין באנק און פאסאזש גע־שעפט, איז געשטעמפעלט מיט'ן זיעגעל פון עהרליכקייט און פינקטליכקייט.

די וועלט קען מיך גאנץ גוט. מען ווייסט, אז איך האָב מיך קיין מאָל ניט געיאָגט נאָך מיליאָנען. מיין שטרעבען אין לעבען איז

אימער געווען צו מאַכען מיין באנק אלס א צענטער פון ראיעלע ביינקינג ביזנעס, און, גאָט צו דאַנקען, איך האָב עס עררייכט.

אין די צייט פון גרויסען קריזיס, ווען א שווארצע כמארע האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, און הונדערטע ביינק האָבען זיך צוגעמאַכט, בין איך דאן געשטאַנען ווי א געטרייער שיפס־קאַפּיטאַן אין צייט פון א שטורם און האָב געהיט די פאסאזשירען, די דעפּאָזיטאָרס מיינע זאלען זאָגאר ניט פיהלען אז ס'איז א שטורם.

איך בין געשטאַנען פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט און האָב געצאָהלט געלד צו יעדען דעפּאזיטאָר וואס האָט עס נור פערלאַנגט. איך האָב געוואלט, אז אלע מיינע דעפּאזיטאָרס זאָלען זיין רוהיג, זיי זאָלען וויסען און פיהלען, אז ווען זיי האלטען געלד אין מיין באנק, איז דאָס ריכטיג ווי זיי וואלטען דאָס האלטען ביי זיך אין סייף. ווען זיי ווילען קענען זיי קומען און עס נעהמען אהן אירגענד וועלכע שוועריגקייטען.

נאַטירליך, אנערקענט עס דאָס פּובליקום, און אלע דעפּארט־מענטס אין מיין ביינקינג ביזנעס זיינען די לעצטע פּאָר יאהר אזוי פערגרעסערט געווארען, אז מיין אלטע ביינק־בילדינג איז געוואָרען צו ענג. און ביי מיין בעסטען ווילען, האָב איך ניט געקענט, עס איז איינפאך געווען א פיזישע אונמעגליכקייט דארט צו אטענדען בעקוועם צו אזא גרויסע ביזנעס, וואס איז פערטהיילט אין פערשיעדענע צווייגען, און וואו יעדער צווייג פאדערט געוואלדיגע אויפמערקזאמ־קייט.

דער פּלאַץ איז געווארען צו קליין, און איך האָב בשום אופן ניט געקענט געבען דעם פּובליקום די בעקוועמליכקייט, וואָס איך שטרעב צו געבען יעדען איינעם וואָס שטעהט מיט מיין באנק אין ביזנעס־פערבינדונג.

איך האָב דאריבער אבגעקויפט די בילדינג געגענאיבער מיין אלטע באנק, דאס הויז נומ' 41 קאַנעל סטריט, און האָב זי אינגאנצען איבערגעבויט ספּעציעל פיר א באנק. איך האָב אויסגעבויעט א ריכ־

טיגען פאלאסט, אלעס גרויס, ליכטיג, לופטיג, שעהן און פעסט, מיט אלע מאָדערנע בעקוועמליכקייטען, גענוג פלאץ פיר יעדען דעפּארט־מענט, אום יעדער איינער וואָס וועט קומען

דעפּאָנירען געלד,
עפענען א טשעק־אַקאונט,
קויפען שיפס־קאַרטען,
קויפען באַהן־קאַרטען,
שיקען געלד נאָך אייראָפּא,
קויפען אָדער פערקויפען
אויסלענדישע געלדער,

אדער ווען איינער וועט גלאַט קומען שרייבען א בריעף, אָדער פרעגען אירגענד וועלכע אינפאָרמיישאָן אין אלעס וואס בעלאנגט צו ביינקינג און פאסאזש ביזנעס, זאָל ער איבעראל, אין יעדען דעפּארטמענט געפינען די בעסטע בעקוועהמליכקייט.

דאַצו האָב איך אימער געשטרעבט און, גאָט צו דאנקען, איך האָב מיין שטרעבען עררייכט, און איך פייער יעצט דעם חנוכת הבית פון מיין נייע, גרויסע באנק־בילדינג, א יום־טוב צו וועלכען איך לאדע העפליך אלע אידען פון גרייטער נויארק און אומגעגענד.

איך לאדע אויך אלע אידען פון קאונטרי, פון נאָהענט און פון וויט, אלע וואס קומען קיין נויארק וועגען ביזנעס אדער וועגען פלעזשור, זאָלען קומען אין 41 קאנעל סטריט, זעהען מיין באנק. געסט פון אנדערע שטעדט קענען זאָגאר מאכען געוויסע אפּאָינטמענטס, זיך צוזאמענצוטרעפען מיט ביזנעס־לייטע ביי מיר אין באנק.

איך האָב געבויעט מיין באנק פיר'ן פאָלק, וואָס האָט מיר גע־האָלפען אין מיין ערפאָלג, און די טהירען פון מיין גרויסען פינאנס־

אינסטיטושאָן וועלען אימער זיין אפען פיר יעדען אנשטענדיגען מאַן און פיר יעדע אנשטענדיגע לידי, סיי זיי וועלען קומען וועגען ביזנעס־אנגעלעגענהייט, און סיי זיי וועלען קומען וועגען אירגענד וועלכע אינפאָרמיישאָן, וואו איך קען זיי עטוואָס נוצען ברייגנען.

מיט דער האָפנונג אימער צו ברייגנען וויכטיגע מאַטעריעלע און מאָראַלישע נוצען צו מיינע שוועסטער און ברידער אין גאַנצען לאנד, פערבלייב איך גרייט צו דיענען יעדען טריי און עהרליך ווי ביז יעצט,

מאַקס קאָברע, באַנקיער.

# אימיגראציאָנס-געזעצע אין די פעראייניגטע שטאַאטען.

## און פיעלע אנדערע נויטיגע ידיעות פאר עמיגראַנטען נאָך אַמעריקאַ.

צוזאַמענגעשטעלט פון נחמיה קאַפּלאַן,

מיטארבייטער אין אינפאָרמאַציאָנס־דעפּארטמענט פון די „היברו אימיגראַנט אייד סאָסייעטי" פון נויאָרק.

---

די אימיגראַציאָנס־געזעצע, וועלכע זיינען היינט צו־טאָג אין קראַפט, נאָך די ענדערונגען וואס זיינען געמאכט געווארען דעם 20טען פעברואר 1907, ערלויבען צו לאַנדען אהנע שטערונגען יעדע געזונדע ארבייטס־פעהיגע פּערזאָן, וועלכע האָט עטוואס מיטלען און נאָהענטע קרובים אין לאַנד. ניט אריינגעלאזען ווערען אימיגראַנטען לויט פאָלגענדער קלאַסיפיקאַציאָן:

א) אלע די וועלכע קענען, לויט דער מיינונג פון די אימיגראַציאָנס־בעאַמטע, ווערען א „פּאָבליק טשארדזש", ד. ה. פאַלען צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט, ווי מענשען אהנע געלד־מיטלען און אָהנע קרובים אין לאַנד, די וואס פאהרען אויפ'ן חשבון פון צדקה־אנשטאַל־

טען אָדער פון איינצעלנע פילאנטראָפען, פּראָפעסיאָנעלע בעטלערס, שנאָרערס א. ז. וו.

ב) פערזאָנען, וועלכע קומען אהער אויף פאראויס-צוגעזאגטע שטעלען (קאָנטראַקטירטע ארבייטער), אויסער אקטיאָרען, זינגער, מאהלער, לעהרער, פּראָפעסאָרען פאר אוניווערזיטעטען, גייסטליכע פון אירגענד וועלכער רעליגיעזער ריכטונג און הויז-בעדיענער.

ג) פערזאָנען וואָס ליידען אויף מיאוס'ע אָדער אנשטעקענדע קראנקהייטען, שווינדזיכטיגע, עפּילעפּטיקער (חולי נופלים), אידיאָטען, שוואכזיניגע, משוגעים; די וואס האָבען פריהער געהאט אייניגע אנגריפע פון וואהנזין, בלינדע אויף ביידע אויגען, טויב-שטומע אָדער מיט אנדערע וויכטיגע פעהלערען.

ד) פערזאָנען וואָס האָבען בעגאנגען א קרימינעלען פערברעכען, פּאָליטישע קעמפּפער, וועלכע האָבען בעגאנגען א מאָרד-טהאט, אנארכיסטען אדער די וואָס גלויבען אין גוואלד-טהאטען געגען שטאאט.

ה) פּאָליגאמיסטען (מענער וואס האָבען מעהרערע פרויען), פּאָליאנדריסטען (פרויען וואס האָבען אייניגע מענער) אָדער די וועלכע גלויבען אין דיעזע הייראטס-פארמען, פערפיהרטע מיידלאך און יונגע פרויען, וועלכע קומען אהער אריבער פאר פּראָסטיטוציאָנס-צוועקען, פרויען-הענדלער אדער פערזאָנען, וואס לעבען אויף דעם חשבון פון פּראסטיטוטקעס.

ניט צו אלעמען ווערען די אויבענדערמאָהנטע „פאבליק טשארדזש" געזעצע גלייך אָנגעווענדעט. עס הענגט אָפּ פיעל אָן דעם אימיגראנט זעלבסט, אן זיינע קרובים, וועלכע ער האָט דאָ אין לאנד און אָן זייטיגע אומשטענדען וואס קענען דיענען צו זיין גונסטען. אימיגראנטען אָהן געלד-מיטלען, צב"ש, אָדער אזעלכע וועלכע בעזיצען וועלכע עס איז פיזישע פעהלערען, ווי בלינדע אויף איין אויג, שטומע, אָהן איין פוס, מיט א קירצערע אָדער אַ הילצערנע פוס, גלעזערנע אויג, א ברוך

אין א לייכטען גראד, קליינעם הויקער א. ז. וו., אויב זיי זיינען זאנסט געזונד, קענען אפטמאָל ארונטערגעלאזען ווערען ווען זיי האָבען גאנץ נאָהענטע קרובים, וואס זיינען אימשטאנד צו געבען גענינענדע ערבות (פערזיכערונג פון א קאָמפאני וואס גיט באָנדס) דאָס זיי וועלען ניט פאלען צו לאסט.

אויך קראנקע ווערען ניט אימער צוריקגעשיקט. שוואנגערע פרויען, וועלכע קומען גאנץ נאָהענט פאר דער צייט ווען זיי דארפען האָבען דאס קינד, קינדער וועלכע בעקומען מאָזלען ווי אויך די וואס בעקומען אין וועג אנשטעקענדע קראנקהייטען אין א לייכטען גראד, ווערען אריינגענומען אין אימיגראציאנס־האָספיטאָל און געהאלטען דאָרטען ביז זיי קומען איבער. נאכהער ווען זיי זיינען זאָנסט פאסענד צו לאנדען, ווערען זיי אהן מניעות ארונטערגעלאזען צו זייערע קרובים.

# אינפארמאציאָנען, כללים און עצות.

## א) פאר'ן אבפאהרען, אין וועג און ביים אנקומען.

יעדער איינער וואס פאָהרט נאָך די פעראייניגטע שטאאטען, אויסער פרויען צו זייערע מענער*) אָדער קליינע קינדער צו זייערע עלטערען, דארף האָבען צו צייגען ביים אָנקומען אין אמעריקאנער האפען מינדעסטענס 25 דאלאר (אויף רוסישע געלד 50 **רובל**),

*) אין דער לעצטער צייט פאדערען פיעלע שיפס־קאמפאניעס פון יעדען איינעם, זאגאר פון א פרוי וואס פאהרט צו איהר מאן, צו צייגען 25 דאלאר איידער מען זעצט זיך אויפ'ן שיף.

זאָגסט איז ער אדער זי אין געפאהר אויסגעשלאָסען צו ווערען. אין מאנכע פעלע ווערען געמאכט אויסנאַהמען ווען מען בעזיצט עטוואָס וועניגער. עס איז אבער אימער גלייכער צו האָבען ביי זיך, אום אויס־צומיידען איבעריגע פראגען. ווער עס פאהרט ווייטער פון נויארק, דארף אויסערדעם האָבען אויך א באהן־בילעט אדער בעזונדערע געלד אויף רייזע־הוצאות.

ווער עס גיט זיך אן אלס סוחר, סטודענט, קלוירק (פריקאזטשיק), בוכהאלטער, קאָררעספּאָנדענט, פעדלער (הויזירער) אדער אלס איינער וועלכער האָט ניט קיין בעשטימטע מלאכה ווערט ניט אריינגעלאזען אויב ער האָט ניט מיט זיך א גרעסערע סומע געלד.

מיט אנדערע וואס גיבען זיך אן אלס בעלי־מלאכות, בעזאָנדערס פון א פאך וועלכע איז שוין שטארק איבערפילט, ווי שניידערייי, סטאָ־לעריי א. ד. ג., ווערען מאנכעס מאָל אויף עליס־איילאנד געמאכט פראָבען און די וועלכע האלטען ניט אויס דעם עקזאמען ווערען דאָס רוב צוריקגעשיקט. בעזאָנדערס פארזיכטיג דארפען אין דיעזער הינ־זיכט זיין די וועלכע פאָהרען צו פערבלייבען אין די גרויסע צענטערס, ווי נויארק, פילאדעלפיא, באָסטאָן א. ז. וו. דערביי איז כדאי צו בע־מערקען, דאס צו די עמיגראנטען וואס פאהרען ווייטער פון נויאָרק, איבערהויפט אין די וועניג־בעפעלקערטע געגענדען, זיינען די אי־מיגראציאָנס־בעאַמטע אימער וועניגער שטרענג און דיעזע האָבען מעהר שאנסען צו לאנדען.

אלמנות מיט קינדער, וועלכע האָבען ניט קיינע פערמעגליכע נאָ־הענטע קרובים, האָבען גרויסע שוועריגקייטען ביים לאנדען; דאס זעלבע איז אויך מיט עגונות; די לעצטע ווערען על פי רוב צוריק־געשיקט.

שוואנגערע פרויען ווענענס מאגען עס זיינען פערבליבען אין דער היים, האָבען גרויסע שוועריגקייטען ביים לאנדען און ווערען

אפט צוריקגעשיקט. אונפערהייראטהע פרויען אין א שוואַנגערען צו־שטאַנד ווערען ניט אריינגעלאזען.

קינדער אינגער פון 16 יאהר, וועמענס עלטערען זיינען פערבליבען אין דער היים, ווערען ניט אריינגעלאזען, סיידען זיי האָבען איז אמעריקא גאַנץ נאָהענטע קרובים (פערהייראטהע ברידער, שוועסטער, אָנקעלס) וועלכע קענען געבען גענינגענדע בעווייזע, דאס זיי ווילען און זיינען אימשטאַנד פאר זיי צו זארגען.

פיעלע נעהמען מאַנכעסמאָל מיט פרעמדע קינדער און גיבען זיי אן אלס אייגענע. פאלס אבער דאס קינד ווערט צוליעב אירגענד וועל־בער קראַנקהייט אויסגעשלאָסען, דאַן מוז דער ערוואקסענער עמיג־ראַנט, וועלכער האָט עס מיט זיך מיטגענומען, אויך צוריקגעהן אלס זיין בעגלייטער. די וועלכע נעהמען מיט זיך פרעמדע קינדער דארפען זיך דארום פריהער גוט ערקונדיגען, אויב דאָס קינד איז פאָלקאָם געזונד און עס וועלען ניט פארקומען שפעטער קיינע שוועריגקייטען.

אָנקומענדיג אין האפען דארף יעדער עמיגראנט אָנטהאָן זיינע בעסטע קליידער און זיין ארום זיך ריין און זויבער, ווייל אויך דער אויסערליכער אויסזעהען זיינער קען אמאָל האָבען א ווירקונג אויף די אינספעקטאָרען, וועלכע דארפען בעשטימען זיין גורל.

ביי דעם פערהער אויף דער אימיגראציאָנס־סטאַנציע, דארף יע־דער איינער זאגען דעם ריינעם אמת. פערזאָנען וואָס געהערען זיך איינע די אנדערע ניט אן, זאלען זיך ניט אנגעבען אלס קרובים, ווייל דורך דעם קומען אפט פאָר גרויסע שוועריגקייטען.

יעדער איינער דארף אָנגעבען דעם ריכטיגען נאָמען זיינעם אפילו ווען ער פאהרט מיט א פאַספאָרט אויף א פרעמדען נאָמען. די אמע־ריקאַנער רעגיערונג קימערט זיך ניט וועגען פאַספאָרטען פון אַנדערע לענדער.

עלטערען דארפען אָנגעבען די ריכטיגע יאהרען פון זייערע קינ־

דער אפילו ווען די לעצטע זיינען אין דער שיפס־קארטע פערשריבען איננער.

צו בייטען אין וועג אויסלענדישע געלד אויף אמעריקאנישע איז ניט ראטהזאם. אין דער אימיגראציאנס־סטאנציע פון נויארק איז דא א באנק אונטער דער השגחה פון דער רעגיערונג, וועלכע וועקסעלט אוים געלד לויט דעם ריכטיגען קורס. אין די באנק פון מאקס קאברע בעקומט מען אבער נאך א העכערען פרייז ווי אויף עללים איילאנד. דאס קען מען זיך באלד איבערצייגען.

## ב) וועגען באגאזש.

עס איז ראטהזאם פאר יעדען אימיגראנט ניט צו נעהמען מיט זיך פיעל זאכען, ער ווערט דורך זיי שטארק אנגעמאטערט שלעפענדיג איבעראל און דארף פאר אנדערע (נייע ניט־געניצטע) אפטמאל בע־צאהלען פאשלינע (אבצאהל אויף די גרעניצען) מעהר וויפיעל עס האט די ווערדע פאר איהם.

די באגאזש דארף מען איינטהיילען אין צוויי חלקים: די וועלכע מען דארף האבען ערשט נאכ'ן אנקומען אויפ'ן פלאץ בעזונדער אום אבצוגעבען, און די וועלכע מען דארף האבען נעבען זיך אויפ'ן שיף.

אויף יעדען פאק, קארב, טשעמאדאן אדער קאסטען וואס מען נעהמט מיט, דארף מען אויפשרייבען מיט קלאהרע בוכשטאבען די שטאדט און די אדרעסע צו וועמען מען פאהרט, אויב מען איז זיכער, דאס די אדרעסע איז א ריכטיגע.

אויב דער עמיגראנט פאהרט מיט'ן אייזענבאהן ביז דער פארט־שטאדט וואו ער דארף זיך זעצען אויפ'ן שיף, לוינט איהם בעסער, אויב ער האט א סך באגאזש, פריהער אוועקצושיקען עס אויף דעם נאמען פון דער שיפס־געזעלשאפט מיט וועלכער ער דענקט אבצופאה־רען „מאלאי סקאראסטיו" (לאנגזאמע פראכט־באהנען). מען דארף

אָבער גאנץ גענוי אויסרעכענען די באגאזש זאל בעשטימט אָנקומען איידער די שיף געהט אָפּ.

אָבגעבענדיג די באגאזש דארף מען דורכאויס ניט פערגעסען, איבערצו פאדערען א קוויטאנציע.

ווען איינינע פאמיליעס אָדער א גרופע פון סתם בעקאנטע פערזאָנען פאָהרען צוזאמען, זאלען זיי ניט פאקען זייער באגאזש אינאיינעם. עס קען אפט פאסירען דאס זיי זאלען ווערען שפעטער צושיידט, איינער אָדער איינינע פון זיי זאָלען ווערען פערהאלטען אדער צוריקגעשיקט און דאן האָבען די איבריגע גרויסע שוועריגקייטען אָבצונעהמען זייערע זאכען. יעדע פערזאָן אָדער פאמיליע דארף דארום פאקען די זאכען בעזונדער.

## טאבעלע נומער 1.

וויפיעל יעדער עמיגראנט האָט דאָס רעכט צו פיהרען אומזיסט באגאזש מיט יעדען באהן בילעט:

| | | |
|---|---|---|
| אין | רוסלאנד — — — — — — | 40 פונט. |
| " | דייטשלאנד — — — — | 62 " |
| " | עסטרייך — — — — — | 62 " |
| " | ענגלאנד — — — — — | 126 " |

(112 ענגלישע פונט).

## טאבעלע נומער 2.

וויפיעל קען מען מיטנעהמען אומזיסט באגאזש מיט יעדען בילעט אויף די שיפען נאָך די פעראייניגטע שטאאטען:

אויף די רוסישע (אין ליבוי) — — — — — — — — — — 6 פוד.
אויף די דייטשע (אין האמבורג און ברעמען)
100 קילאָגראם (6 פוד מיט 5 פונט).

איף די בעלגישע (אין אנטווערפען)
100 קילאגראם (6 פוד מיט 5 פונט).
אויף די האללענדישע (אין ראטערדאם)
דריי־צעהנטעל קוביק מעטער פלאץ.
אויף די ענגלישע (לאנדאן, סויטהעמפטאן, ליווערפול)
20 — 10 קוביק פוס.
אויף די איטאליענישע — — — — — — — — — — 100 קילאגראם.

## טאבעלע נומער 3.

פרייזען פון באהן־בילעטען אין דייטשלאנד (4טע קלאס) און אין עסטרייך (3טע קלאס):

### 1. דייטשלאנד:

| ביז / פון | האמבורג | ברעמען | שטעטין | אנט־ווערפען | ראטער־דאם |
|---|---|---|---|---|---|
| | מ׳ פ׳ | מ׳ פ׳ | מ׳ פ׳ | מ׳ פ׳ | מ׳ פ׳ |
| באיארען (קרעטינגען) . . | 50.22 | 50.23 | — | 80.31 | 60.28 |
| איידקוהנען (ווירזשבאלאווא) | 80.20 | 80.21 | 90.12 | 70.29 | 80.27 |
| פראסטקין (גראיעווא) . . | 40.20 | 20.21 | 20.13 | 30.29 | 30.27 |
| איללאווא (מלאווא) . . | 50.16 | 50.17 | 90. 8 | 40.25 | 70.23 |
| אטלאטשין (אלעקסאנדראווא) | 80.13 | 90.14 | — | 80.22 | .21 |
| אסטראווא (קאליש) . . . | 30.13 | 30.14 | 50. 6 | 40.19 | 40.20 |

### 2. עסטרייך:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| פון בראדי | ביז לעמבערג | 2 | קראנען | 80 | העלער |
| „ לעמבערג | „ פיומע | 24 | „ | 80 | „ |
| „ בראדי | „ קראקוי | 11 | „ | 20 | „ |

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| פון קראקוי | „ | האַמבורג | 18 | מאַרק | 10 | פעניג |
| " " | „ | ברעמען | 19 | „ | 20 | „ |
| " " | „ | ראָטערדאַם | 24 | „ | 80 | „ |
| " " | „ | אַנטווערפּען | 26 | „ | 70 | „ |
| „ פּאדוואלאטשיסק | „ | קראקוי | 13 | קראָנען | 70 | העללער |
| " " | „ | לעמבערג | 5 | „ | 50 | „ |
| „ נאָוואסעליצע | „ | האַמבורג | 38 | „ | 35 | „ |
| " " | „ | ברעמען | 39 | „ | 60 | „ |
| " " | „ | אַנטווערפּען | 48 | „ | 10 | „ |
| " " | „ | ראָטערדאַם | 48 | „ | 10 | „ |

## ג) פאר די וואס פאהרען נאָך אמעריקא דורך קאנאדא.

פאר אלע די עמיגראַנטען וואָס פאהרען נאָך די פערייניגטע שטאַאטען איבער קאַנאַדאַ זיינען בעשטימט געוויסע פּארטען ביי די גרענעצען פון ביידע לענדער. דיעזע פּאָרטען זיינען: האליפּאַקס, קוויבעק, פּאָינט־לעווי, סענט־דזשאָהן, וואַנקאָווער און וויקטאָריא. דאָרטען ווערען די אימיגראַנטען אונטערזוכט פון יונייטעד סטייטס (פעראייניגטע שטאַאטען) רעגיערונגס־בעאַמטע, און אויב זיי ווערען בעטראכט אלס פּאסענדע אריינצוקומען, בעקומען זיי אזעלכע „סער־טיפיקייטס" (ערלויבנים־דאָקומענטען) מיט וועלכע מען לאזט זיי דורך פריי ביי דער גרענעץ.

קיין אייזענבאַהן אדער טראנספּאָרט־געזעלשאַפט האָט ניט דאָס רעכט צו פערקויפען צו אַן אימיגראנט א „טיקעט" (בילעט) נאָך די פעראייניגטע שטאַאטען, אויב ער האָט ניט אזא „סערטיפיקייט" פון דעם אמעריקאנישען איינוואַנדערונגס־קאָמיסאַר.

די געזעצע פאר איינוואַנדערער דורך די קאַנאַדער פּאַרטען זיינען

כמעט דאס זעלבע ווי אין אלע פארטען פון די פעראייניגטע שטאאטען.

די לעצטע צייט ווערט געפאדערט פון די, וועלכע פאהרען נאך קענעדע דורך נויארק, זיי זאלען האבען, אויסער באהן־בילעטען ביז צום פלאטץ, צו 25 דאלאר אייגענע געלד. געלד וואס קרובים שיקען זיי צו, ווערט ניט אנערקענט פון די בעאמטע.

אויב עס פאהרט א גאנצע פאמיליע, דארף ־ערער ערוואקסענער מיטגליעד, עלטער פון 18 יאהר, האבען צו 25 דאלאר, און יעדע קינד פון 5 ביז 18 יאהר — צו 12½ דאלאר. בלויז פרויען מיט קינדער, וואס פאהרען צו זייערע מאנען און עלטערען זיינען דערפון פריי.

## ד) די וואס פאהרען אין אמעריקא דורך מעקסיקא.

די איינוואנדערער, וועלכע פאהרען נאך די פעראייניגטע שטאאטען דורך מעקסיקא, דארפען זיך ארויסזעצען פון שיף אין איינעם פון די פאלגענדע פארטען: בראנזוויל, סאנט־מאריא, הידאלגא, ריא־גראנדע, סיטי, חאמא, זאפאטא, סאן־איגנאציא, לארעדא, עגעל־פאס, דעל־ריא, פרעזידיא, דוגלאס, נאקא, לאחיעל, נאגאלים, אראנס־ראנש, קאמפא און קאלעקסיקא. די וואס זעצען זיך ארוים דורך אן אנדער פארט ווערען ארעסטירט אלס פערברעכער געגען געזעץ און צוריקגעשיקט.

די אימיגראציאנס־געזעצע אין מעקסיקא זיינען אויך דיזעלבע ווי אין די פעראייניגטע שטאאטען, זיי ווערען בלויז צו אנדערע מילדער אנגעווענדעט.

## ה) וועגען פערהאלטענע אימיגראנטען.

ניט אלע וואס ווערען פערהאלטען אין עללים־איילאנד דארפען עס בעטראכטען אלס א בעווייז, דאס זיי זיינען אויסגעשלאסען אום צוריקצוגעהן. ביי פיעלע איז די פערהאלטונג בלויז א צייטווייליגע,

ביז עס ווערט געמאכט א געגויערע אונטערזוכונג. פערהייראטהע פרויען מיט אָדער אָהן קינדער וואָס געהען צו זייערע מאַנען, יונגע קינדער וואס פאָהרען צו עלטערען אדער צו נאָהענטע קרובים, מיידלאך אָהן דער בעגלייטונג פון זייערע פאמיליען־פערוואנדטע א. ז. וו., אויב זיי זיינען זאָנסט פאסענד ווערען בלויז פערהאלטען ביז עס קו־מען נאָך זיי די ערוואַרטעטע ריכטיגע פערזאָנען און דאן ווערען זיי גלייך בעפרייעט. אין מאַנכע פעלע גיט מען אזעלכע אימיגראנטען ארונטער צו דער „היברו שעלטערינג און אימיגראנט אייד סאָסייעטי“ אויף איהר פעראנטוואָרטליכקייט.

די וועלכע דארפען פאָהרען ווייטער פון נויארק און האָבען ניט קיין באהן־בילעטען און עטוואָס געלד, ווערען אויך אומזיסט ניט פערהאלטען. ווי נור זיי בעקומען די נויטיגע סומע אויף רייזע־הוצאות און פאפיערען, אויב מען פאָדערט אזעלכע צו איבערצייגען דאס זיי האָבען דארטען ווירקליך נאָהענטע קרובים, שיקט מען זיי גלייך אָפּ.

עלטערען אָדער סתם בעגלייטער פון א קינד, וועלכע איז פער־האלטען געוואָרען אין האָספּיטאָל צוליעב אירגענד וועלכע קראנקהייט, ווערען פערהאלטען ביז דאָס קינד ווערט געזונד. מעהרסטענטהיילס ווערט פערהאלטען בלויז איינער פון די ערוואקסענע פערזאָנען און די איבעריגע, אויב זיי זיינען פאסענד צום לאנדען, ווערען בעפרייעט. ווען די קראנקהייט איז זעהר א לייכטע אָדער א נאטירליכע, ווי מאָז־לען, ווערט מאַנכעסמאָל אויך די פערהאלטענע ערוואקסענע פערזאָן ארונטערגעגעבען אויף דער פעראנטוואָרטליכקייט פון דער אויבענגע־נאַנטער געזעלשאפט.

פערהאלטענע אויף עלליס איילאנד אימיגראנטען קענען אויך פון דאָרטען שרייבען בריעף צו זייערע קרובים. זיי דארפען אָבער ניט פערגעסען אין יעדער בריעף זייערען אָנצוגעבען דעם נאָמען פון דער שיף אויף וועלכער זיי זיינען אריבערגעקומען, ווייל זאָנסט קענען די

קרובים זייערע ניט קריגען קיין „פּעסעס“ (איינלאַס קארטען) אום צוצוקומען אין עללים איילאנד.

אלע די, וואס זיינען אויפ'ן וועג קראנק געווארען מיט אן אנ־שטעקענדער קראנקהייט, ווי פּאָקען, מאָזלען א. ד. ג. ווערען גלייך פון שיף גענומען אין „קאוואַנטין“ (האָפמאַנ'ס איילענד). דארטען ווערען זיי געהאלטען, ביז זיי ווערען פאלשטענדיג קורירט, און דאַן, אויב זיי זיינען פּאסענד צום לאנדען, ווערען זיי בעפרייט צו זייערע קרובים, נאָכדעם ווי זיי געהען דורך עללים־איילאנד. צוזאמען מיט די קראַנקע ווערען אויך פערהאלטען זייערע נאָהענטסטע קרובים, וועלכע האָבען זיי בעגלייטעט אויפ'ן שיף, און די וואס האָבען זיך געפונען נאָהענט צו זיי. די לעצטע ווערען אין איניגע טעג ארום בעפרייט, אויב זיי האָבען זיך ניט אָנגעשטעקט פון דער קראנקהייט, און די קרובים אדער איינער פון זיי ווערען פערהאלטען ביז די פּערזאָן ווערט געזונד. די אמעריקאנער קרובים קענען די פערהאלטענע אויפ'ן „קאראנטין“ אינ־זעל בעזוכען איין מאָהל א וואָך, יעדען מיטוואָך.

## ו) וועגען אויסגעשלאסענע אימיגראנטען.

יעדער אימיגראנט וועלכער ווערט אייסגעשלאָסען צוריקגעשיקט צו ווערען, אויב ער אדער זי ליידעט ניט פון טראַכאָמאַ, שווינדזוכט אדער אנדערע אנשטעקענדע קראנקהייטען, איז ניט קיין אידיאָט אדער וואהנזיניגער, האָט דאָס רעכט אנצוגעבען אן אפּילאַציע געגען דעם בעשלוס פון דער „באָארד אוו ספּעשעל אינקוואירי“ (קאָמיטע פאר ספּעציעלער אונטערזוכונג). דיעזע אפּעלאציעס ווערען אוועקגע־שיקט צום גענעראל־קאָמיסאר פון איינוואנדערונג אין וואשינגטאָן. אַנטוואָרטען אויף דיעזע אפּעלאציעס קומען פון דאָרטען אָן גע־וועהנליך אין 3—4 טעג ארום.

לאָיערס (אדוואָקאטען), וועלכע נעהמען זיך אונטער צו מאכען

פאַר דעם אויסגעשלאָסענעם אימיגראַנט אַן אַפּעלאַציאָן, טאָרען פאַר זייער אַרבייט ניט נעהמען מעהר ווי 10 דאָלאַר (20 רובעל). דער זעלבער פּרייז איז אויך פאַר אַ גאַנצע פאַמיליע אָדער פאַר אַ גרופּע פריינד וואָס איז צוזאַמען געקומען. ווען יעמאַנד ערלויבט זיך צו פאָדערען מעהר ווי 10 דאָלאַר פאַר דער אַפּעלאַציאָן, קען פון איהם צוגענומען ווערען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירען אין אירגענד וועלכער אימיגראַציאַנס־סטאַנציע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. עס איז אָבער וויכטיג צו וויסען, דאָס קיין געדונגענער לאָיער קען מעהר ניט טהאָן ווי די אַפּעלאַציע אויסצומאַכען, און דיעזע אַרבייט, אויב עס זיינען נאָר דאָ אירגענד וועלכע ריכטיגע גרינדע, ווערט געטהאָן אומזיסט דורך דעם לאָיער, וועלכער איז דער פערטרעטער פון דער „היברו שעלטערינג און אימיגראַנט אייד סאָסייעטי“ אויף עלליס איילאַנד.

איידער מען שטעלט צו די אַפּעלאַציע קען מען אָנגעבען צום קאָמיסאַר פון אימיגראַציאַן אויף עליס־איילאַנד אַ „נאָטיס“ (מעלדונג) וועגען דעם, אַז דער אימיגראַנט האָט בעשלאָסען צו אַפּעלירען. דיעזע „נאָטיס“ קען אָנגעגעבען ווערען אפילו איין מינוט איידער דער אויסגעשלאָסענער אימיגראַנט דאַרף צוגענומען ווערען צום שיף, און דער אימיגראַנט ווערט דאַן אָבגעשטעלט. די אַפּעלאַציע דאַרף צוגעשיקט ווערען ניט שפּעטער ווי אין 36 שטונדען נאָך דער מעלדונג.

אויב דער בעשלוס צוריקצושיקען ווערט פון דעם גענעראַל־קאָמישיאָנער אין וואַשינגטאָן ניט געענדערט, דאַן ווערט דער פעראורטהיילטער אימיגראַנט צוריקגעפיהרט אויף דער זעלבער אָדער אַן אַנדער שיף פון דער זעלבער ליניע צו דעם אָרט, פון וואַנען די שיפּס־קאָמפּאַניע האָט איהם אָדער איהר גענומען.

אויב יעמאַנד פון זיינע קרובים האָט געשיקט אויף זיין נאָמען געלד, ווערט עס איבערגעגעבען צו דעם צוריק־געשיקטען, ווען ער זעצט זיך אויפ'ן שיף.

## ז) פאר קרובים און פריינדע פון אימיגראנטען.

קרובים אדער פריינדע, וועלכע דארפען געהן אפנעהמען די אָנ־געקומענע צו זייי אימיגראנטען, מוזען זיך פריהער בעזארגען מיט א „פעס" (ערלויבנים־קארד אריינצוגעהן אין עלים־איילאנד) פון דער קאָמפּאני*), צו וועלכער עס בעלאנגט די שיף וואָס האָט געבראכט זייי־ערע פריינד. אויסקינפטע וואו די פּעסעס צו נעהמען קענען זיי בעקו־מען אין מאַקס קאָברע'ס באנק, 41 קאנעל סטריט, נויארק, אדער אין די ברענטשעס, 81 גרענד סט., ברוקלין און 1779 פיטקין עווענין, בראָנזוויל.

אין עלליס איילאנד ווערען די קרובים און פריינד אויסגעפּאָרשט פון די ריכטער אויב זיי זיינען די ריכטיגע פערזאָנען, צו זיי ווילען און קענען זארגען פאר דעם אימיגראנט א. ד. גל. אויב עס פאלט א חשד, דאָס זיי זאָגען ליגענס, ווערט דעם אימיגראנט'ס לאַגע דורך דעם פיעל ערגער.

די בעווייזע, וועלכע עס ווערען געפאָדערט פון די קרובים און פריינד זיינען באנק־ביכלעך אויף גרעסערע סומען, דאָקומענטען אויף אייגענע הייזער א. ד. גל. אויב דער קרוב איז אין אן אנדער שטאָדט, קען ער די בעווייזע צושיקען דורך אן „אפידייוויט" (געשוואָרענע פּאַפּיער, געמאכט ביי א נאָטאַריוס) פער פּאָסט אויף דעם נאָמען פון קאָמישיאָנער אויף עללים־איילאנד. מזומן געלד, געוויזען פון קרוב ווערט ניט אימער בעטראכט אלס א ריכטיגער בעווייז, ווייל מען קען חושד זיין, דאס עס איז געליהען געווארען אויף דערווייל'ע, אויסער אין די פעלע, ווען יענער טהוט אזעלכע ביזנעס וואס פאָדערען אימער גרייטען געלד אין מזומן.

*) צו ערווארטען 2טע קלאס פּאסאזשירען דארף א „פּעס" גענומען ווערען אין „קאַסטאַם האוז".

ווען א קרוב וואָס קומט אָפּנעהמען אן אימיגראנט ווערט בע־טראכט פאַר ניט גענוג קאָמפּעטענט, קען קומען אן אנדער קרוב און פערלאנגען, פון די ריכטער א צווייטען פערהער. דער צווייטער קרוב דאַרף אבער אין דיעזע פעלע זיין ווענינגסטענס ניט קיין ווייטערער צום אימיגראנט ווי דער ערשטער און האָבען בעסערע בעווייזע.

א דריטער פערהער קען געגעבען ווערען בלויז מיט דער ספּעציע־לער בעוויליגונג פון דעם אימיגראציאנס־קאָמישיאָנער.

דער וועלכער האָט „סיטיזען פּייפּערס" (בירגער־פּאַפּיערען) פון די פעראייניגטע שטאַאטען קען ארונטערנעהמען זיין פרוי אפילו ווען זי ליידעט פון טראַכאָמאַ אדער אנדערער אנשטעקענדער קראנקהייט. דיעזע פּריווילעגיע ציהט זיך אבער ניט אויף זייערע קינדער אָדער אנדערע נאָהענטע קרובים.

אויב די עלטערען זיינען בירגער קענען זיי אויסווירקען ביים קאָ־מישיאָנער ער זאָל די קינדער זייערע, ווען זיי ליידען אויף טראַכאָמאַ, קאָפּ־אויסשלאַג א. ד. גל. קראנקהייט, לאָזען בלייבען אין האָספּיטאָל אויף זייערע (עלטערענס) קאָסטען, ביז די קינדער וועלען אויסקורירט ווערען. די האָספּיטאָל קאָסטען אין נויארק האַפען זיינען 75 סענט א טאָג פאַר קינדער און $1.50 פאַר ערוואַקסענע פּערזאָנען.

די קרובים פון די אויסגעשלאָסענע אימיגראנטען, ווען מען וויל צו זיי זייערע פריינד ניט ארונטערגעבען, זאלען זיך ווענדען אין דער אבטהיילונג פון דער „היברו שעלטערינג און אימיגראנט אייד סאָ־סייעטי", וועלכע געפינט זיך אין עלליס איילאנד גופא. דאָרטען גע־פינען זיך אימער די פערטרעטער פון דער גענאנטער געזעלשאַפט, בערייט צו העלפען די קרובים מיט ראטה און טהאַט. זיי מאַכען אויס אונענטגעלטליך אפּעלאציעס פאַר די אויסגעשלאָסענע און דיענען אלס פערמיטלער צווישען זיי און זייערע קרובים.

דער וואָס שיקט נאָך זיין פריינד ער זאָל קומען אהער, זאל

שטענדיג צושיקען איהם א ריכטיגע אדרעסע אין איינינגע קאָפּיעס און ער זאל איהם ווארנען קיינעם דארטען ניט צו געבען איבערשריי־בען. ניט וויסענדיג די נעמען פון די היעגע גאסען, מאַכען זיי אין אייראָפּא ביים איבערשרייבען פיעלע גרייזען און די אימיגראַנטען האָבען נאָכהער דורך דעם גרויסע שווערינקייטען אויסצוגעפינען זיי.

אום אויסצומיידען שפּעטער ביים ארונטערנעהמען אומזיסטע עגמת נפש, איז וויכטיג, דאס יעדער איינער וואָס וויל שיקען נאָך זיין קרוב אָדער פריינד זאָל זיך פריהער בעראטהען מיט די מענעד־זשערס פון אונזער אבטהיילונג פיר אימיגראַנטען, אין אונזער באַנק, 41 קאנעל סטריט, נויארק, אדער אין אונזערע ברענטשעס.

## ח) פאר פרייגעלאזענע אימיגראנטען.

געוועהנליך קומט דער קרוב אדער פריינד אליין אָבנעהמען פון שיף אדער פון עלליס איילאנד דעם פרייגעלאָזענעם אימיגראַנט. די וועלכע האָבען אָבער קיינע פערוואנדטע, אדער די לעצטע פערשפּע־טיגען זיך צו קומען, ווערען גלייך ביים אראָבגעהן בעגעגענט פון די אָנגעשטעלטע אין דער „היברו שעלטערינג און אימיגראנט אייד סאָ־סייעטי“, וועלכע פערטרעט די אינטערעסען פון די אידישע איינוואַנ־דערער אין עלליס איילאנד. דיעזע פערזאָנען, וועלכע טראָגען היטלען מיט אויפשריפטען: „אידישע קאָמיטעט“, פיהרען אָפּ די אלע אימיגראנטען צום „אָפיס“ (קאנטאָר) פון דער גענאנטער געזעלשאפט (229—231 א. בראָדוויי, נויאָרק), און פון דארטען ווערט יעדער איינער, נאָכהער ווי ער ווערט איינגעשריעבען, אבגעשיקט אין דער

בעגלייטונג פון א ספּעציעלען שליח נאָך זיין ריכטיגער אדרעסע*). פאַלס די מיטגעבראכטע פון אימיגראַנט אדרעסען זיינען ניט קיין ריכטיגע, ווערען זיי צוריקגעבראכט אין הויז פון דער געזעלשאַפט, וואו זיי קענען שטעהן איינינע טעג און מעהר, ביז עס זוכען זיך אָפּ זייערע קרובים אדער פריינד. אום אויסצוגעפינען די קרובים זייערע, ווערען אריינגעבראכט דורך דער געזעלשאַפט אנאָנסען אין אלע אידי־שע טעגליכע צייטונגען, אנגעבענדיג אלע איינצעלהייטען פון די אי־מיגראַנטען און די געזוכטע פריינד זייערע. אויב אין פערלויף פון א געוויסע צייט רופט זיך קיינער ניט אָפּ, דאַן בעזאָרגט מען דעם אי־מיגראַנט מיט א פּלאַץ צו ארבייטען, לויט זיינע פאַך־קענטניסע און פעהיגקייטען. פאַר׳ן עסען, שלאָפען, בעזאָרגען מיט ארבייט א. ד. גל., וואס די געזעלשאַפט טהוט, דארפען די אימיגראַנטען גאר ניט בע־צאָהלען.

אזעלכע געזעלשאַפטען, וועלכע זאָרגען פאַר דעם אידישען אי־מיגראַנט, ווען עס קומט אן מיט׳ן שיף אָדער מיט׳ן אייזענבאַהן, עק־זיסטירען אויך אין אנדערע גרויסע אידישע צענטרעס, ווי אין פילאַ־דעלפיא, באָסטאָן און באַלטימאָר.

ווען דער אימיגראַנט ווערט פּרייגעלאַזען און געהט ארונטער אין ניו יאָרק, ווערען די שווערע פּעק פון איהם צוגענומען און ער בעקומט דערויף א מעשענעם נומער. מיט דיעזען מעשענעם נומער דארף ער שפּעטער, ווען ער איבערצייגט זיך, אז זיין אדרעסע איז

*) ערוואַקסענע מיידלאַך, וועלכע קומען אליין, אדער יונגע פרויען אָהן קינ־דער, ניט אין דער בעגלייטונג פון נאָהענטע קרובים, ווען די ריכטינע פריינד קומען ניט נאָך זיי, ווערען אבגעשיקט אין דער „קלאַרא דע הירש האָום״ 223 איסט 13טע סטריט, וועלכע איז ספּעציעל געווידמעט צו די אינטערעסען פון די אידישע אימיגראַנטקעס, און האָט א פּערטרעטערין אויף עללים איילאַנד.

ריכטיג, צוגעהן אין „בארדזש אפיס", אָנגעבען דאָרטען וואו ער וואָהנט, און מען פיהרט עס איהם צו אהיים פאר 30 סענט. ווען ער גיט אָב דעם מעשענעם נומער, זאל ער ניט פערגעסען נעהמען גלייך א קוויטאַנציע. קליינע פעקלעך קען יעדער מיט זיך מיטנעהמען, אויב ער וויל איינשפּאָרען געלד פאר'ן צופיהרען עס צו איהם.

## ווארנונג פאר פרייגעלאזענע אימיגראנטען.

ארום עלליס איילאנד געפינען זיך אימער באנדעס פון זאָגענאנטע „ראָנערס", וועלכע לויערען אויף אונשולדיגע קרבנות. דיעזע נעהמען זיך כלומרשט אונטער דעם אימיגראנט אבצופיהרען נאָך זיין אדרעסע. אין דער ווירקליכקייט אבער ווערט דער אונערפאהרענער אימיגראנט גאנץ אפט פון זיי בערויבט און איבערגעלאזען אליין. אלע פרייגע־לאָזענע אימיגראנטען, נאָך וועמען עס קומען ניט צו עלליס איילאנד זייערע קרובים אדער פריינדע, דארפען זיך דארום שטארק היטען פון אלע פארשלעגע וואס ווערען צו זיי געמאכט פון פרעמדע פערזאָנען. זיי דארפען זיך אנפערטרויען בלויז צו די לייטע, וועלכע האָבען אויף זייערע היטלען די אויפשריפטען: „אידישע קאָמיטעט". מיט קיינע אנדערע זאלען זיי ניט מיטגעהן.

# איינוואָהנער פון לאַנד וועלכע קענען צוריקגעשיקט ווערען

אויך די וועלכע וואהנען שוין א געוויסע צייט אין לאַנד זיינען נאָך ניט אימער זיכער, דאס זיי וועלען ניט אויסגעשלאָסען ווערען פון דאנען צוליעב געוויסע אורזאכען. לויט א ספּעציעלע פעראָרדנונג פון דעם געווערב־און האנדעל־מיניסטער, קענען פאלגענדע פערזאָנען

צוריקגעשיקט ווערען פון די פעראייניגטע שטאאטען, אויב זיי זיינען נאָך ווענינגער ווי 3 יאהר אין לאנד: די וואס פאלען צו לאסט אויף דער געזעלשאפט, משוגעים, פּראָסטיטוטקעס, קראנקע וועלכע קומען אַן אין די פרייע האָספּיטעלער א. ד. גל., פּערזאָנען, וועלכע בעלאנגען צו די קאטעגאָריעס, וועמענס אריינקומען עס איז פערבאָטען פון געזעץ.

# נויטיגע אַדרעסען פאַר אימיג־ראַנטען.

## אין ניו־יאָרק.

היברו שעלטערינג און אימיגראנט אייד סאָסייעטי, 229—231 איסט בראָדוויי, — פאר אלעס וואס ריהרט אן זיינע אינטערעסען.

קלארא דע הירש האָום, 223 איסט 13טע סטריט, — פאר מיידלאך און יונגע פרויען אהן קינדער, דאָס זעלבע.

די באַנק פון מאַקס קאָברע, 41 קאנעל סטריט, נויארק, 81 גרענד סטריט, ברוקלין און 1779 פּיטקין עוועניו, בראָנזוויל — פיר אלערהאנד אויסקינפטע, וואס בעריהרען די אינטערעסען פון יעדען אימיגראנט. אבצושיקען געלדער נאָך אלע וועלט־טהיילען צו די ביליגסטע טאגעס־קורסען. שיפסקארטען אויף אלע דאמפּפס־ליניען. צו דעפּאָנירען געלד, אויף וואס עס ווערט געצאהלט 4 פּראָצענט א יאהר. אויך צו ערהאלטען בריעף פון דער אלטער היים אויף דעם אדרעס פון דיעזער באנק.

אינדאָסטריאל רעמאָוואל אפיס, 174 צווייטע עוועניו, — פאר

הילפע צו פערלאזען ניו־יארק אדער צו בעקומען אן עצה ווי און וואו צו קויפען לאנד.

עדיוקיישאנאל אליינס, איסט בראדוויי, קאר. דזשעפערסאן סט. — צו לערנען די ענגלישע שפראך אהן געלד, לעזען צייטונגען אין די פרייע צייט פון אבענד.

ליגעל אייד ביורא, אין עדיוקיישאנאל אליינס, איסט בראדוויי קאר. דזשעפערסאן סטריט, וואו ארימע בעקומען פרייע אדוואקאטען ווען זיי ווערען בעשווינדעלט, אדער פרויען וועלכע ווערען פערלאזען פון זייערע מענער און אלטע לייט וואס ווערען ניט אויסגעהאלטען פון זייערע קינדער בעקומען דארטען מאראלע הילפע.

אסטאר לייברערי, לאפאיעט סטריט, נעבען דער 8טער סטריט, — די גרעסטע ביבליאטהעק פון ניו יארק, וואו מען בעקומט א גרויסען אויסוואהל פון ביכער, זשורנאלען אין אלע שפראכען דארטען צו לעזען.

אידישע דעי נוירסערים : 29 מאנטגאמערי סטריט און 304 מעדיסאן סטריט, וואו ארבייטער פרויען קענען איבערלאזען אויף א גאנצען טאג זויגלינגע און גאנץ קליינע קינדער ביז זיי קומען צוריק פון דער ארבייט.

רוסישער קאנסולאט, 22 נארטה וואשינגטאן סקווער.
דייטשער קאנסולאט, 11 בראדוויי.
עסטרייך־אונגארישער קאנסולאט, 123 איסט 17טע סטריט.
פראנצויזישער קאנסולאט, 35 סויטה וויליאם סט.
ענגלישער קאנסולאט, 17 סטייט סט.
טערקישער קאנסולאט, 59 פוירל סט.
ארגענטינישער קאנסולאט, 80 וואלל סט.

## אין פילאדעלפיא.

פעראיין צו בעשיצען אידישע אימיגראנטען, 730 פיין סטרים.
היברו עדיוקיישאָנאל סאָסייעטי, 10טע און קארפענטער סטרים.

## אין באסטאן.

היברו אימיגראנט אייד סאָסייעטי, 3 דזשערוזאלעם פּלייס.
הכנסת אורחים, 15 קופער סטריט.
געזעלשאפט צו שאפען ארבייט פריי, 43 האקינס סט.
באָסטאָן עדיוקיישאָנאל יוניאן, 1 קאָזווי סטריט.

## אין באלטימאר.

אידישע עמיגראנטען שול פעראיין, 111 איסקוויט סטרים.
הכנסת אורחים, 246 סויטה 3טע סטרים.
היברו עדיוקיישאָנאל סאָסייעטי, 125 איסקוויט סטרים.

---

# אמעריקאנישעס געלד.

איין דאָלאר איז 100 סענט. דיעזער צייכען $ בעדייטעט דאָ־לאר. פּאַפּיער־געלד קומט אין $1, 2, $5, $10, $20, $50, $100, $1000, און $10,000 פּאַפּירלאַך. גאָלד בענוצט מען זעהר וועניג, און עס ווערט געמאכט אין $1, צוויי און א האלב דאָלאר, $5, $10 און $20 שטיקלאך. זילבער געלד ווערט געמאכט אין 5 סענט שטי־קער, וועלכע מען רופט „ניקעלס“, 10 סענט שטיקער, וועלכע מען רופט „דיימס“, 25 סענט שטיקער, וועלכע מען רופט „קוואָדערס“, אויך ווערען געמאכט 50 סענט שטיקער און איינציגע דאָלארס. קו־פער געלד קומט נאָר אין איינציגע סענטען, וועלכע מען רופט אויך פּענים.

# פּאָסט אנגעלעגענהייטען.

די פּאָסט סטאציאָנען זיינען אין נ׳ י׳ יאָרק אָפּען יעדען טאָג, אויסער זונטאג פון 7 אין דער פריה ביז 8 אבענדס. געלד אָבשיקען אָדער אבנעהמען קען מען בלויז פון 8 אין דער פריה ביז 6 אבענדס, און רעדזשעסטרירטע (זאקאזנאָיע) בריעף — פון 8 ביז 8. זונטאג זיינען די סטאציאָנען אָפּען פון 9 ביז 11 אין דער פריה און אין קריסטליכע ימים טובים — פון 7 ביז 10 אין דער פריה. קיינע געלד אָדער רעדזשיסטרירטע בריעף ווערען אבער זונטאג און יום טוב ניט אָנגענומען.

## אינלענדישע און אויסלענדישע פּאסט.

א פּאָסט־קארד (אָטקריטקע) אָדער א געדרוקטען אָפּענעם בריעף צו שיקען אין לאנד קאָסט איבעראל 1 סענט, נאָך אויסלאנד 2 סענט. פערמאכטע בריעף קאָסטען אין לאנד 2 סענט און נאָך אויסלאנד (אויסער נאָך ענגלאנד, וואוהין עס קאָסט בלויז 2 סענט) איז איבע־ראל 5 סענט. נאָך דייטשלאנד קען אויך געשיקט ווערען מיט א 2 סענטיגען סטעמפּ, ווען מען שרייבט אויף דעם קאָנווערט : „דירעקט ביי דזשוירמען סטימער“.

פאר רעדזשיסטרירטע (זאקאזנאָיע) בריעף ווערט גערעכענט עקסטרא 10 סענט און פאר „ספּעשעל דעליווערי“ (צו ברייננגען אין הויז מיט א ספּעציעלען שליח) רעכענט מען 10 סענט עקסטרא. בריעף אָהנע „סטעמפּס“ (מארקעס) קענען געשיקט ווערען, דער צו וועמען עס געהט מוז אָבער איינצאָהלען דאפּעלט. אלע אנדערע זאכען, אויסער בריעף, קענען אויף אזא אופן ניט געשיקט ווערען, דער אדרעסאַנט זאָל בעצאָהלען.

# קלאַסיפיקאַציאָנען פון פּאָסט אַרטיקלען.

אַלע פּאָסט זאַכען ווערען איינגעטהיילט אין פאָלגענדע 4 קלאַסען:

## ערשטע קלאַסע.

אלס ערשטע קלאַסע זאַכען ווערען גערעכענט בריעף און אלע אַנדערע געשריעבענע זאַכען, פערקלעפּטע אָדער פערזיעגעלטע, וועלכע מען קען ניט נאָכזעהען וואס אינעווייניג איז. דער פּרייז פון דיעזער קלאַסע איז 2 סענט אַן אונץ.

## צווייטע קלאַסע.

אין דיעזער קלאַסע געהען אריין צייטונגען און זשורנאַלען. דער פּרייז פאַר פּריוואַט לייטע איז 1 סענט פאַר 4 אונצעס; פּאַבלישערס (ארויסגעבער) צאָהלען בלויז 1 סענט פון יעדען פונט.

## דריטע קלאַסע.

